I write this in opposition to the ironic or nostalgic discourse of a lost or dreamed Yiddishland. It's better to keep in mind the Yiddish nowhere-land. One must live on this earth, true; but to be entirely earthbound is also unhealthy. What I would like to oppose to the association between land, folk, and language derives from the thematic of Diaspora, which has an honorable, even primary place in the postmodern worldview. Thus, for example, the editor of a new academic journal writes: "Today's diasporas seem somehow normative, creating a pattern of human movement and instability, against which geographical and territorial certainties seem increasingly fragile."[12] That which once seemed an exceptional trait of the Jewish people seems more and more a human norm. And this is as true for the humanities as it is for history itself. Thus, for example, the word *trace* is important in Jacques Derrida's writing. By this, Derrida wants to allow for something similar to the previously discussed erased-that-one-can-still-read. A remnant is what endures of an entity that has been forgotten. It does not allow for any "further" creation from itself of a false, renewed wholeness, but, on the other hand, it is also strong enough, present enough, to be able to destabilize the positive designs of a here-and-now that wants to pretend ignorance. It's no coincidence, it would seem, that the Jew from Algeria became the French philosopher of the "trace," or the "remnant." Jewish living-with-loss, the Jewish mode of holding one's own in a foreign land, is a model for postwar, postcatastrophe writing and thinking.[13]

But if the Yiddish word so easily universalizes itself with postmodern magic, what in it remains, then, Jewish?

---

[11] See Sander Gilman, *Jewish Self Hatred: Anti-Semitism and the Hidden Language of the Jews* (Baltimore: Johns Hopkins University Press, 1986).

[12] "Editor's Comment," *Public Culture* 2, no. 1 (Fall 1989): i.

[13] See Maurice Blanchot, *The Writing of the Disaster* (Lincoln: University of Nebraska Press, 1986).

Let us not wipe away that question mark.

Let us rather gather around it, and let us ask more questions, and then some more.

### ייִדישע וויסנשאַפֿט און די פּאָסטמאָדערן

מע האָט עס שוין געננוג קלאָר און געננוג אָפֿט געזאָגט: איידער מע גייט רעדן פֿון דער נײַער דמיונס־באַשאַפֿונג „פּאָסט־מאָדערנקייט" ווי זי וואָלט געווען אַן אומאָפּהענגיק יש וואָס מע האָט נאָר וואָס אַנטדעקט, דאַרף מען שטעלן פֿריִערדיקע פֿראַגעס. דהײַנו, מיט וואָס איז מען „נאָך"? און וואָס הייסט אייגנטלעך „מאָדערנקייט"?

און מיר זענען טאַקע שוין צוגעווינט צו ענטפֿערן אויף אַ פֿראַגע, אין דער נוסח, „וואָס הייסט $x$?" מיט אַ תּירוץ אין דער נוסח, „$x$ איז..." מיר ווילן משלים זײַן. אויף דער לינקער זײַט פֿון דעם קליינעם (אָבער ניט אומשולדיקן) וואָרט „איז", דער תּוכן פֿון דעם סימבאָל $x$. מיר באַשרײַבן $x$. די פֿראַגע וואָס מיר ענטפֿערן אַזוי איז „וואָס לאָזט $x$ שרײַבן?"

וואָס „מאָדערנקייט" לאָזט שרײַבן איז אָבער אָן אַ שיעור. און מיר זענען נאָך צו נאָענט צו אָט דער מאָדערנער וועלט, נאָך צו פֿיל אין איר. מיר זאָלן קענען מסכּים זײַן אויף אַן ענטפֿער על־רגל־אחת. (דערפֿאַר פֿאַרנעמט די „מאָדערן" צוויי טראַפֿן און דער „פּאָסט" נאָר איינס.) „מאָדערן" קלעקט ניט מער פֿאַר אונדז, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט אַז מיר קענען זיך באַגיין אָן אים.

וויל איך דערפֿאַר צוקומען מיט אַן אַנדער שיטה צו דער פֿריִערדיקער פֿראַגע פֿון מאָדערנקייט. איך וויל בעסער פֿאָרלייגן פֿאַר אײַך (פֿאַר דיר, מײַן חבֿר וואָס איז מטריח צו האַלטן ייִדיש אין קאָפּ) ענטפֿערס לויט דער מוסטער, „ $x$ הייסט מאָדערנקייט!" אײַ, אַ שלל איינצלנע טערמינען קענען פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דעם דאָזיקן $x$? דער אונטערשייד איז, אַז אַזוי קענען מיר מסכּים זײַן (אָדער ניט: אַבי דו פֿאַרשטייסט מיך) אַז יאָ – $x$ איז איין זאַך וואָס הייסט מאָדערנקייט.

שוין. מײַן ערשטער תּירוץ, הייסט עס, איז „*Wissenschaft des Judentums* הייסט מאָדערנקייט". לעולם דאַכט זיך, אַז *Wissenschaft des Judentums* שטייט אין אַן ענלעכער צוזאַמענהאַנג מיט ייִדישקייט ווי „פּאָסטמאָדערנקייט" מיט „מאָדערנקייט". דאָס הייסט, אַז מע טראַכט אויס אַ וואָרט וואָס מע קאָן זיך קלײַבן אַרום אים – אָדער בעסער אַרויפֿקלעטערן אויף אים – און קוקן אַראָפּ, צוריק אויף וואָס איז שוין אויסגעלעבט אין דער מענטשהייט. אָבער די אַנאַלאָגיע איז מער אינטערעסאַנט דאָרטן ווו זי האַלט ניט, ווו זי פּלאַצט. *Wissenschaft des Judentums* וויל באַהערשן ייִדישקייט, וויל זי באַטראַכטן, אַרומזען, באַשרײַבן, און – די פּיאָנערן האָבן עס אָפֿן געזאָגט – באַגראָבן. די פּאָסטמאָדערן פֿאַרשטייט זיך אַליין ווי אַן אויסוווּקס פֿון מאָדערנקייט, און וויל די מאָדערנקייט ניט באַגראָבן, נײַערט – אפֿשר ס׳פּאַסט צו נוצן דאָס וואָרט – היילן.

אַן אַנדער תּירוץ גיב איך אַזוי: המשך הייסט מאָדערנקייט. מע זעט די אידיאָלאָגיע פֿון המשך סײַ אין ייִדישיזם – געווען אַ מאָל אַ קעמפּ „המשך" – סײַ אין דזשודעיזם – גראָד הײַנט איז פֿאַראַן אַ צוזאַמענטרעף אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אויף דער טעמע „ייִדישער המשך זינט דער אויפקלערונג". דאַכט זיך אפֿשר, אַז מיט אידענטיפֿיצירן המשך מיט מאָדערנקייט בין איך אַ ביסל דוחק. לעולם וואָלט המשך הייסן **ניט** דאָס מאָדערנע, געוואַלדיקע ברעכן מיטן סתּם־ווי־ס׳געווען־ביז־איצט; המשך וואָלט געהייסן דער היפּוך, מרידה קעגן שטייגער. נאָר איך האַלט בײַ מײַנס: אַז מע מוז שוין מודה זײַן אַ קאַמף פֿאַר „המשך". אַז מע מוז לייגן דעם טראָפּ אויף „המשך" (איידער, למשל, אַבֿידה צי פֿאַרגעסעניש) איז מען שוין אין אַ מאָדערנעם מעמד. און ניט, אגבֿ, אין אַ פּאָסטמאָדערנעם מעמד. ווײַל די חכמת־הפּאָסטמאָדערן האַלט ניט פֿון המשך. זי האַלט גאָר אַז „טראַדיציע" איז קיין מאָל ניט גאַנץ, אַז ס׳איז קיין מאָל ניט קיין שלימותדיקע איבערגאַנג פֿון דור צו דור, אַז דעם זכּרון מאַכט מען חרובֿ אָדער מע איז מחדש בכל יום תּמיד.

איצט מעג איך צוקומען אַ ביסל נעענטער – כאָטש נאָך אַלץ אומדירעקט – צו דער צוזאַמענהאַנג צווישן ייִדישער וויסנשאַפֿט און דער פּאָסטמאָדערן. דעם וועג פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט דערזע איך ערשט קלאָר ווען איך גיי אַ ביסל אויפֿן וועג פֿון דער *Wissenschaft des Judentums*. דאַן קען מען זען דעם אונטערשייד צווישן וועלט־שפּראַך און פֿאָלק־שפּראַך. דער עצם־פֿאַקט וואָס *Wissenschaft des Judentums* הייסט זיך שרײַבן מיט לאַטײנישע אותיות און ייִדישע וויסנשאַפֿט אין דעם העברעיִשן אַלף־בית זאָגט עדות אויף דעם, דאָס וואָס דער דײַטשער טערמין איז אַ ביסל צווייִדײַטיק – מע האַלט אַ רמז כאָטש פֿון דעם וואָס ייִדן ווייסן – באַווײַזט אַ געוויסע נאָסטאַלגיע אין די מאָטיווירונגען פֿון אירע גרינדער. אָבער דער עיקר איז דאַך דער דרויסנדיקער, דער קאָנטראָלירנדיקער.[14]

ייִדישע וויסנשאַפֿט איז אַנדערש, גאָר אַנדערש. ייִדישע וויסנשאַפֿט איז צווייִדײַטיק ביזן סוף. ס׳איז פֿאָרט וויסנשאַפֿט, הײַנטיק, וועלטלעך. אָבער ס׳איז ניט אַ געביט פֿון וויסנשאַפֿט, ס׳איז אַ מין וויסנשאַפֿט. ס׳איז אויך ניט ייִדישקייט גופֿא. ס׳איז אַ שעפֿערישע מישלינג. אַזוי וואַרפֿט דער באַגריף פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט אַ פֿראַגע־צייכן אין די אויגן פֿון די וואָס ווילן באַטראַכטן Western discourse ווי אַן איינס. ס׳איז נאָך דאָ פֿאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן זיך פֿאַר אינעווייניקע אין דעם (אַל)וועלטלעכן אויפֿגעקלערטן שמועס. זיי גלייבן נאָך אַלץ אַז זייער וועג איז דער וועג, אַז דער גיהנום פֿון אימפּעריאַליזם און די נאַצישע טויט־וואַכקאַנאַליע האָבן ניט מבֿטל געמאַכט זייערע טענות, אַז דורך זיי ווערט די וועלט באַפֿרײַט.

אָבער ייִדישע וויסנשאַפֿט וואַרפֿט די זעלבע פֿראַגע־צייכן אין די אויגן פֿון די וואָס האַלטן זיך פֿאַר דרויסנדיקע אין דעם מערבֿדיקן שמועס. זיי קוקן אויף דער קאַרטע וואָס האָט נאָר איין קאָליר פֿאַר גאַנץ אייראָפּע. און געוויינטלעך האַלטן זיי אַלע וואָס שטאַמען פֿון דאַנען ווי מיטאַרבעטערס אין אימפּעריאַליזם. זיי הערן ניט דעם שמועס וואָס גייט אָן אַרום און קעגן און אונטער דעם מערבֿדיקן שמועס – דעם שמועס פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט. און דאָס איז טאַקע אַ שאָד פֿאַר זייערע צילן אויך. ווײַל אין אַ גרויסן מאָס איז עס דווקא אָט דער דערשטיקטער ייִדישער שמועס וואָס האָט צוגעגרייט אייראָפּע אויסצוהערן זייערע טענות.

אָט דאָס וואָלט געדאַרפֿט קלאָר באַנעמען, למשל, אַזאַ פּיקחישער קריטיקער ווי גאַיאַטרי טשאַקראַוואָרטי שפּיוואַק, וועמען כ׳האָב ציטירט אויבן. אין איר קריטישער אַרבעט באַווײַזט זי קלאָר אַז זי פֿאַרשטייט ווי זי אַליין איז אַן „אינעווייניקע“– זי לערנט, זעצט איבער און שרײַבט וועגן אייראָפּעישער פֿילאָזאָפֿיע – און אויך אַ „דרויסנדיקע“ – איר נאָמען און איר אויסזען זאָגן עדות אַז זי איז פֿון אינדיע. זי איז אַ קרובֿה פֿון די געוועזענע קאָלאָניזירטע. אַ פּנים אַיז זי ניט קיין ייִדישע, און דער נאָמען שפּיוואַק איז גאָר אַ פּוילישער. נאָר זי לייגט עס אויס ענגליש, ניט פּויליש… אַ סימן אַז אָט דעם נאָמען האָט געטראָגן אַ ייִדישער אימיגראַנט. געוויינטלעך איז די פֿרוי פֿון אַ באַקאַנטן מאַן די וואָס ווערט איגנאָרירט, אָבער אין דעם פֿאַל ווייסן מיר ניט און הערן מיר ניט וועגן שפּיוואַקס ייִדישן מאַן. בלײַבט נאָר דער סימן פֿון ייִדישקייט. און וואָלט מען נאָר דערמאָנט „שפּיוואַק“, וואָלט איך אַפֿילו אַ בעלן געווען צו ווײַזן אויף איר מין סוביעקטיוון אָבער דורכגעטראַכטן קריטיק ווי אַ מוסטער פֿאַר ייִדישער וויסנשאַפֿט. דאָס וואָלט טאַקע געהייסן ייִדיש אַרויס פֿון די כּלים.

אָבער ניין. אַפֿילו אַזאַ פּיקחישער ווי ג. טש. שפּיוואַק וואָס ווייסט אַז איר אינדיע איז ניט דער מוסטער פֿאַר אַלע אייראָפּעס „אַנדערע“ צעטיילט נאָך די וועלט אין געאָגראַפֿישע וועלטעלעך. דער אַלגעמיינער פּרינציפּ בלײַבט: אייראָפּע אויף איין זײַט קעגן דער דריטער וועלט אויף דער אַנערער זײַט. אַ ראַיה האָט איר פֿון דעם, וואָס איר בוך הייסט **אין אַנדערע וועלטן**,[15] אַז אייראָפּע זעט מען ווי איין אימפּעריאַלער איינס, מוז ייִדיש בלײַבן ניט געזען און ניט געהערט.

[14] פֿ״ג די באַשרײַבונג פֿון ענגלישער אָריענטאַליזם אין אינדיע:

“One effect of establishing a version of the British system [of education in India] was the development of an uneasy separation between disciplinary formation in Sanskrit studies and the native, now alternative traditions of Sanskrit ‘high culture.’” Gayatry Spivak, “Can the Subaltern Speak?” in *Marxism and the Interpretation of Culture*, ed. by Cary Nelson and Lawrence Grossberg (Chicago: University of Illinois Press, 1988), 282.

[15] Gayatry Spivak, *In Other Worlds: Essays in Cultural Politics* (New York: Methuen, 1987).

שפּיוואַקס פֿראַגע אין אָט דעם ציטירטן עסיי איז: „צי קען דער אונטערטעניק־אַנדערער רעדן?“ מיט „אונטערטעניק־אַנדערער“ („subaltern“ אויף ענגליש) מיינט זי די פֿון די קאָלאָניזירטע פֿעלקער וואָס קענען זיך ניט דערשלאָגן צו עפּעס אַן אָרט אין דער הערשנדיקער ספֿערע. די נאָענסטע אַנאָלאָגיע וואָס איך געפֿין אין אונדזער וועלט איז די קדשים פֿון דעם לעצטן חורבן, און די מאַסן ייִדן וואָס זענען געווען פֿאַר זיי, וואָס ווערן פֿאַרגעסן מיט זייער אומקום. און איך האַלט טאַקע אַז דער נאַציזם האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אין אַ גרויסן מאָס די אימפּעריאַליסטישע מאָטיווירונג „אײַנצושטילן דעם אַנדערן“.

אינטערעסאַנט אַז פֿאַר שפּיוואַק פּאַסט דער אימאַזש פֿון אייראָפּע ווי אַ שטאָלצע, אַליין־אויפֿקומענדיקע זון,[16] וואָס וואַרפֿט אַ שײַן אויף אַנדערע, און זיי קענען אין איר גלײַך ניט קוקן. ייִדיש איז ניט ווי די זון. אין ייִדיש וויל מען גיכער זינגען „שיין ווי די לבֿנה, ליכטיק ווי די שטערן...“ ייִדיש שפּיגלט אָפּ אַן אַנדער ליכט. ייִדיש האָט ניט מורא אָפּצושפּיגלען אין זיך מענטשהייט – דאָס לשון, דעם גוף – פֿונעם אַנדערן.

מיר פֿאַנאַנדערן זיך אין ייִדיש, נעמען איבער שטיקער פֿון יענעמס שפּראַך און מיר מאַכן זיי אייגענע. מיר באַטאָנען ניט נאָר אונדזער פֿאַרבינדונג מיט די פֿריערדיקע דורות, נאָר אונדזער ווײַטקייט פֿון זיי, אין דעם וואָס אונדזער ייִדיש איז אַנדערש ווי זייערע. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז דאָס וואָס אַ פֿרײַוויליקע שפּראַכלעכע אַנדערשקייט קען זײַן אַן אַנדערשקײַט אָן גוואַלד. און אָן שאָוויניסטישע מיטאָסן. קען זײַן: ווײַל ס׳וואָרט לשון פֿאַרבינדט אין זיך אַ פֿיזישן ווען און אַ קולטורעלן אויסדרוק. פֿאַראַן דאָס לשון וואָס איז דער צונג און פֿאַראַן דאָס לשון וואָס איז די שפּראַך. אָט דאָס איז דער כּוח פֿון לשון. איז דאָס געפֿערלעך אָדער נייטיק? אוודאי איז עס געפֿערלעך און נייטיק. וויל איך האַלטן בײַ די צוויי לעצטע זאַצן מיט אַ מאָל.

שרײַב איך אַזוי: ~~איז~~ דאָס איז געפֿערלעך ~~אָדער~~ און נייטיק?

דאָס איז גאָר אַ כאַראַקטעריסטישע פּאָסטמאָדערניסטישע שטיק. דאָס אויסגעמעקט־וואָס־מע־זעט־נאָך־אַלץ. דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז גאָר אַ ייִדישע שטיק אויך. ס׳איז אַ גריכישער אײַנפֿאַל אַז דער צווישנפֿלאַץ איז אויסגעשלאָסן, אַז ס׳איז ניט מעגלעך אַ זאַך זאָל זײַן און ניט זײַן מיט איין מאָל. קען זײַן, למשל, אַז דאָס וואָס אַ ייִד שרײַבט – איבערהויפּט אויף גוייש – איז ייִדישלעך און ניט ייִדישלעך מיט איין מאָל.

פֿאַראַן דרײַ גרויסע ייִדישע מענער־דענקערס פֿון אונדזער יאָרהונדערט וואָס אַ סך פֿון זייערע געדאַנקן זענען אָנווײַזונגען פֿון אַ פּאָסטמאָדערניסטישער ייִדישער וויסנשאַפֿט. כ׳וועל ברענגען פֿון יעדן איינעם פֿון זיי אַ ציטאַט וואָס שווימט אויף אין מײַן זכּרון.

דער ערשטער איז אַן אַלזשעריע־געבוירענער פּאַריזער פֿילאָזאָף, זשאַק דערידאַ. ס׳רובֿ זײַנע ווערק געפֿינט זיך אין דער מסורה פֿון אייראָפּעיִש־העגעלישער חקירה. דאָ און דאָרט אָבער, נעמט ער זיך אָפּ צו ייִדישע טעמעס. און אין איין עסיי געווידמעט דעם פֿראַנצייזיש־ייִדישן דיכטער עמאָנד זשאַבעז, שרײַבט דערידאַ, אַז „די ערשטע וואָס הייבט אָן מיטן באַטראַכטן זיך איז די ייִדישע געשיכטע“.[17] ס׳טײַטש? ווי קען אַ זאַך זיך באַטראַכטן און ניט פֿריער עקזיסטירן? דער תּירוץ, דאַכט זיך, האָט צו טאָן מיט דערידאַס אַלגעמיינע פֿאַרטאָנקייט אין טעקסטן, אין שרײַבן, אין געשריבענע לשון. דערידאַ וויל אַרויסברענגען, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ פֿאַראַן קיין ניט־באַטראַכטע געשיכטע. און אַז ס׳איז ניטאָ קיין ייִדישע געשיכטע צו באַשרײַבן אָן דעם בוך וואָס איז זייער געשיכטע. אַזוי אַרום, פּאַראַדאָקסיקאַליש, ברענגט דערידאַ כּל התּורה כּולה ווי אַ ראַיה, אַז אַלץ וואָס איז מענטשלעך ווערט באַשאַפֿן מענטשלעך. אַלץ וואָס מיר האַלטן פֿאַר אייביק איז עווענטואַל. דאָס הייסט ניט, אַז ניט נייטיק; וואָס זענען ייִדן אָן דער ייִדישער געשיכטע? דערידאַ לאָזט זען דאָ אַ געוויסן ייִדישן שטאָלץ, ווי איינער זאָגט: די ייִדישע חכמה האָט פֿריער פֿון אַלע פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳קען נאָר לעבן דור איין, דור אויס אין דעם אָרט צווישן מיטאָס און אַפּיקורסות. „אָנהייבן מיטן באַטראַכן זיך“ איז אַ מעכטיקע און סכּנהדיקע עקזיסטענץ־מיטל: אַז די ייִדישע געשיכטע הערט אויף

[16] דאָס זעלבע, ז׳ 274

[17] Jacques Derrida, "Edmond Jabèsa and the Question of the Book," in *Writing and Difference* (Chicago: University of Chicago Press, 1978), 65.

זיך צו באַטראַכטן, וועלן נאָר אַנדערע באַשטימען די ייִדישע געשיכטע. אָבער טאָמער חלילה טוט די געשיכטע נאָר באַטראַכטן זיך, און ס׳לעבט זיך גאָרניט אויס – שטאַרבט עס אַוועק.

אַ צווייטן ציטאַט ברענג איך פֿון דעם דײַטש־ייִדישן קריטיקער וואַלטער בנימין, וואָס ער איז אומגעקומען אין 1940 אַ קרבן פֿון די נאַציס און פֿון זיך אַליין. אין זײַן בעסט־באַקאַנטן מאמר „טעזעס וועגן דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער געשיכטע", שרײַבט בנימין אַז דער היסטאָריקער דאַרף פֿאַרשטיין די געשיכטע ווי אַ פֿעלד פֿון קאַמף. פֿאַראַן אַ פֿײַנט וואָס וויל אויסגלעטן די געשיכטע, פֿאַרשטאָפּן די מײַלער פֿון די טויטע, צעמאָלן זייער לעבנס אין אַ טריאָמפֿאַלן שטראָם וואָס פֿירט גלײַך צו אַ לעגיטימירטער איצטיקער אומגערעכטיקייט, דערפֿאַר:

> מוז מען פּרוּוון, אין יעדער עפּאָכע נאָך אַ מאָל אויסצולייזן די מסורה פֿון אַ קאָנפֿאָרמיזם וואָס אָט־אָט פּריטשמעליעט זיך... נאָר דער היסטאָריקער וואָס האָט זיך אײַנגערעדט אַז אַפֿילו די טויטע וועלן ניט זײַן זיכער נאָך דעם שׂונאס נצחון, וועט קענען אויפֿפֿלאַקערן דעם ניצוץ פֿון האָפֿענונג וואָס ליגט אינעם עבֿר.[18]

אַפֿילו די טויטע: בנימין אַליין שטרײַכט אונטער די דרײַ ווערטער. מיר אַלע וואָס לעבן מיט און אין דער געשיכטע טראָגן אַ מין אַחריות פֿאַר די אָבֿות און אמהות. איז די געשיכטע טאַקע אַ מין קדיש־זאָגן. נאָר קדיש איז אַ טרייסט, און די געשיכטע דאַרף וועקן... דאָס יאַנדעס.

דער לעצטער אין מײַן טריאָ איז עמנואל לעווינאַס, אַ ליטוואַק וואָס איז געוואָרן דירעקטאָר פֿון דער גימנאַזיע פֿון אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל אין פּאַריז, און וואָס אין זײַן טיפֿן עלטער גייט זײַן שטערן אויף אַלץ העכער אין דעם הימל פֿון פֿילאָזאָפֿיע. לעווינאַס שרײַבט אַ סך בפֿירוש אויף ייִדישע טעמעס. אין איינעם אַזאַ עסיי הייבט לעווינאַס אָן מיט אַ וואָרט, וואָס קלינגט ווי אַן ענטפֿער אויף דערידאַס וואָרט אויבן. אָט שרײַבט ער:

> זיך פֿרעגן וועגן ייִדישער אידענטיטעט הייסט אַז מע האָט זי שוין פֿאַרלוירן. דאָך הייסט עס אויך האַלטן בײַ אײַך – אַניט וואָלט ניט געווען וואָס צו פֿרעגן. צווישן „שוין" און „דאָך" שלייט זיך אַרויס דער גבֿול, אָנגעצויגן ווי אַ שטריק אויף וועלכן די מערבֿדיקע ייִדן ריזיקירן זייער ייִדישקייט.[19]

צווישן „שוין" און „דאָך": ס׳וואָלט געפּאַסט גאָר פֿאַרן טיטל פֿון אַ קאָלעקטיווער ייִדישער אויטאָביאָגראַפֿיע אין אונדזער צײַט. נאָר איך האַלט, אויף אַזוי ווײַט ווי דער פּראָבלעם פֿון ייִדישן קיום באַשטייט אין אָנגיין נאָך אַ בראָך, איז די אַלגעמיינע פּראָבלעמאַטיק פֿון פּאָסטמעדערנקייט אַן ענלעכע: לעבן אין דער געשיכטע, בײַקומען די געשיכטע... לעבן דורך אָט דער סתּירה.

אין אַ גרויסן מאָס, קען מען זאָגן אַז די חכמת־הפּאָסטמאָדערן ליגט אין איר אָנערקענונג אַז אייגנטלעך איז דאָס ניט קיין סתּירה. אויב דאָס מאָדערנע גלויבן אין פּראָגרעס זעט די געשיכטע ווי אַן אויטאָנאָם וואָס שלעפּט די מענטשהייט מיט, קען מען זי ניט בײַקומען: מע דאַרף נאָר מיטשווימען אין דער ריכטונג פֿון אַ היסטאָרישן פּראָגרעס, פֿאָלגנדיק דעם אויפֿגעקלערטן וועגווײַזער. דער פּאָסטמאָדערנער געדאַנק אָבער פֿאַרשטייט די מענטשלעכע געשיכטע ווי אַ מענטשלעכע באַשאַפֿונג און ניט באַשאַפֿן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: תּמיד האַלט מען אין שאַפֿן דעם עבֿר לויט די נויטן פֿון הײַנט.

אוודאי איז דאָס אַ געפֿערלעכע אײַנפֿאַל. אַ משל צו וואָס עס קען פֿירן האָט אונדז געבראַכט דזשאָרדזש אָרוועל אין זײַן ראָמאַן **1984**. אין דער וועלט פֿון **1984** בײַט מען די נעכטיקע צײַטונגען, זיי זאָלן גוט פּאַסן צו דער וואָר וואָס פּאַסט פֿאַר דער רעגירונג. נאָר מע קען ווענדן דעם פּאָסטמאָדערנעם „פּרינציפּ פֿון היסטאָרישער ניט־באַשטימקייט" אַנדערש. ווען מע האַלט אין זינען בנימינס זאָרג פֿאַרן לעבן פֿון די געשטראָבענע אַזוי קען מען אַריבערשטײַגן די מאָדערנע זאַבאַבאָנע אַז די פֿריערדיקע דורות זענען ניט געווען אַזוי קלוג ווי בײַ אונדז הײַנט־צו־טאָג און אַזוי שטײַגט מען אַריבער די קעגנזײַטיקע ראָמאַנטישע זאַבאַבאָנע אַז די פֿריערדיקע דורות האָבן

---

[18] Walter Benjamin, "Theses on the Philosophy of History," in *Illuminations* (New York: Schocken Books, 1969), 255.

[19] Emmanuel Levinas, "Pièces d'identité," in *Difficile Liberté* (Paris: Albin Michel, 1976), 74.

געהאַט אַ רײַכן כּוח צו פֿאַרכּישופֿן די וועלט בשעת מיר נעבעך זענען פֿאַראָרעמט, גײַסטלעך־נאַקעטע. מע זעט אַמאָל אַ מין פֿאַרקער צווישן עלעמענטן פֿון די דרײַ אַזוי־באַטראַכטע „תּקופֿות“ פֿון פֿאַר־מאָדערן, מאָדערן, און נאָך־מאָדערן.

אַזוי, פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַן עיקרדיקן פּאָסטמאָדערנעם פּרינציפּ – די פּילפּאַכיקייט און צעפּיצלטקייט פֿון שפּראַך־באַטײַט – קומען צונויף רש״י מיט פּרץ מאַרקישן. דאַכט זיך אַז מער ווי איין מאָל אין זײַן חומש־פּירוש גיט רש״י צו פֿאַרשטיין ווי אָן אַ שיעור מדרשים קענען קומען אויף איין איינציקן פּסוק. ער ברענגט דעם אימאַזש פֿון אַ האַמער אויף אַ שטיין, וואָס לאָזט פֿליען צאָלרײַכע פֿונקן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. אַזוי פֿיל מעגלעכקייטן ליגן אין דעם שטיין און אַז מע ברענגט אַראָפּ דעם האַמער, דעם מכשיר פֿון רבנישן דרוש, ערשט דאַן קען מען זען וואָס ליגט דערײַן. מאַרקישעס מעטאַפֿאָר שפּיגלט אָפּ... שפּיגלט אָראָפּ רש״ין. בײַ אים איז שוין אַ שפּיגל וואָס צעברעכט זיך אויף אַ שטיין, ניט אַ האַמער וואָס שלאָגט און ווערט ניט געשאָלגן. און דער שפּיגל איז דער אָפּגענאַרטער מענטש אַליין, טראַגיש אַקעגן רש״יס זיכערהייט בײַ זיך, אָבער מאַרקיש דער מענטש, דער מאָדערנער ייִד, איז געוואָרן אַ שפּיגל פֿון אַ וועלט־באַנעם וואָס האָט בכלל ניט מודה געווען אין קיין פּילפּאַכיקייט פֿון טײַטש, פֿון באַטײַט. אַזוי איז די צעשפּאַלטונג פֿון דעם שפּיגל אַ מין נײַ־געוווּנען פֿרײַהייט. און די בראָכשטיקער[20] זענען אַזוי פֿיל יאָדערן פֿאַר אַ באַנײַטער ייִדישלעכער שאַפֿונג. אַזוי ווי רש״יס האַמער ווערט אַ מענטש־שפּיגל, ווערט רש״יס שטיין פֿון תּורה מאַרקישעס אומרחמנותדיק שטיין פֿון דער געשיכטע.

ייִדיש איז די כּלי, וואָס ברענגט צוזאַמען רש״י מיט מאַרקישן. נאָר כ׳וויל ניט נאָך אַמאָל אַרײַנטײַטשן אין דעם אַ מין נייטראַלן המשך. בײַ רש״י, וואָס האָט געלעבט אין דער שפּעטערישער צײַט פֿון די מפֿרשים ראשונים, האָט פּילפּאַכיק באַטײַט דעם מיטבאַטײַט פֿון שפֿע. בײַ מאַרקישן נעמט אָן די צעברעכונג פֿון אַן איינפֿאַכיקע באַטײַט דעם כאַראַקטער פֿון אַ קאָשמאַר.

דאַכט זיך אַז אונדזער ייִדיש פּאַסט זיך גיכער צום מעטאַפֿאָר פֿון שפּיגל אויף אַ שטיין. מיר פֿאַרשטייען זי ניט ווי אַ מיטל, נאָר ווי אַ טייל פֿון אונדזער עצם־וועזן. און דאָך איז פֿאַראַן אַ סתּירה אין דער ייִדישיסטישער באַגריף פֿון דער שפּראַך, וואָס וויל זי האַלטן גאַנץ, אָדער ווידער מאַכן גאַנץ, ווי דער „שפּיגל פֿון אַ פֿאָלק“.[21] איך האַלט אַז מע דאַרף אָנהייבן פֿון דער צעפּיצלטקייט פֿון אונדזער שפּראַך און אָנמוטיקן די מעגלעכקייטן פֿון די פֿאַרשיידענע פּיצלעך. אַזוי, למשל, וועט מען רעדן ייִדיש ווי מע שרײַבט זי, ניט שרײַבן ווי מע רעדט, ווײַל דער עיקר קאָמוניקאַציע־מיטל פֿון הײַנטיקן וועלטלעכן ייִדיש איז שרײַבן און ניט רעדן. אַזוי אויך, דאַכט זיך, איז בעסער צו זען מײַן ייִדיש אָדער דײַן ייִדיש ניט ווי פֿאַרשידענע ערכדיקייטן פֿון אַן אוממעגלעכן, פּלאַטאָנישן אידעאַל פֿון ייִדיש, נײַערט ווי אַזוי פֿיל צעפּיצלטע תּורות־הייִדיש וואָס מע לערנט זיך און אַנדערע. כ׳בין, הייסט עס, קעגן אַ געקינצלטן שלימות; כ׳האַלט, אַז ס׳איז בעסער ניט צו יאָגן נאָך משיחן אין עבֿר.

אָבער ייִדיש פֿאַרגלײַכט זיך ניט נאָר מיט תּורה. מע פֿאַרשטייט דאָס לשון אויך ווי אַ מיניאַטור פֿונעם פֿאָלקס־לעבן. דערפֿאַר איז שווער פֿאַר ייִדן פֿון אַן עלטערן דור – וואָס פֿאַר זיי איז ייִדיש מאַמע־לשון ממש – צו באַנעמען אַפֿילו אַז ס׳זענען דאָ פֿאַראַן יונגע לײַט וואָס קענען גוט די שפּראַך. אויסער דער גאָר פֿרומער וועלט (וואָס אין איר אַנטוויקלט זיך ייִדיש גאַנץ אַנדערש) בלײַבט ייִדיש אַלץ מער אין רשות פֿון אַ מבֿינישן עליט. מע דאַרף אָננעמען דעם פֿאַקט, אָבער מע טאָר אויך ניט פֿאַרגעסן אַז דער יאָדער־כּוח פֿון ייִדיש נעמט זיך פֿון דעם, וואָס ייִדן פֿון אַלע שיכטן האָבן זי גערעדט, האָבן זי גענוצט טאָג־טעגלעך. איצט, ווען בײַ אונדז איז ייִדיש ניט קיין שפּראַך פֿון אַ גאַנץ יאָר, ניט קיין קיך־שפּראַך, שטייט פֿאַר אונדז דער פּראָבלעם ווי אַזוי אויפֿצונעמען די ירושה פֿון אַ לעבעדיקן ייִדיש.

---

[20] מאַרקישעס ליד געפֿינט זיך אונטערן טיטל „בראָכשטיקער“ און דער אַנטאָלאָגיע **אַ שפּיגל אויף אַ שטיין**. רעדאַקציע, אַרײַנפֿיר און הערות פֿון חנא שמערוק. תּל־אָבֿיבֿ: פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט און י.ל. פּרץ פֿאַרלאַג 1964, ז. 489. אינטערעסאַנט איז אויך רש"יס פֿאַרגלײַכונג דינט ווי דער טיטל פֿון אַן אַנטאָלאָגיע:
Hammer on the Rock: A Midrash Reader, ed. Nahum Glatzer (New York: Schocken Book, 1962).

[21] אַזוי הייסט די אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע אויף פֿראַנצייזיש:
Charles Dobzynski, ed. *Le miroir d'un peuple* (Paris: Gallimard, 1971).

כ׳וויל ניט פּרוּוון ברענגען אַ תּירוץ על־רגל־אַחת. כ׳וויל נאָר מרמז זײַן, אַז צוזאַמען מיטן מטריח זײַן זיך פּשוט אויפֿצוהאַלטן די לעבעדיקע שפּראַך, מוז מען אויך אָפּלערנען פֿון איר אונטערגאַנג. דאַכט זיך, למשל, אַז מע קען ציִען אַ נמשל פֿון דער אַסאָסיאַציע צווישן ייִדיש און גנבֿים־שפּראַך. עס האָט צו טאָן מיט דעם, וואָס ייִדן ווי גנבֿים זענען געווען דרויסנדיקע פֿון דער בירגירלעכער געזעלשאַפֿט; ייִדן, ווי גנבֿים, האָבן פֿאַרמאָגט אַ „סודותדיקן" זשאַרגאָן;[22] טייל ייִדן האָבן געלעבט אין אַן „אונטערוועלט" מיט ניט־ייִדישע פֿאַרברעכערס. נאָר כ׳מיין אַז די פֿאַרבינדונג גייט אַפֿילו טיפֿער. פֿון דער שטאַנדפּונקט פֿון דער אייראָפּעיִש־ראָמאַנישן נאַציאָנאַליזם, איז נאָרמאַל אַז יעדער פֿאָלק זאָל זײַן אומאָפּהענגיק אין זײַן אייגענעם לאַנד און זאָל רעדן זײַן אייגענעם לשון. ייִדיש פּאַסט ניט אַרײַן אין די ראַמען. ייִדיש נעמט פֿרײַ דאָ און דאָרט פֿון די שרפּאַך־ירושות פֿון אַנדערע פֿעלקער. ייִדיש איז אינטערנאַציאָנאַל. ייִדיש איז משיג־גבֿול; ס׳איז טאַקע אַ פֿאַרברעך־שפּראַך; און דערפֿאַר האָט מען עס ניט געלאָזט לעבן. מע האָט געוואָלט באַשטראָפֿן ייִדיש מיט דער טויט.

כ׳שרײַב דאָס אַקעגן דעם, וואָס מע רעדט איראָניש און נאָסטאַלגיש פֿון אַ פֿאַרלוירענעם אָדער אַ פֿאַרחלומטן ייִדישלאַנד. בעסער צו האַלטן אין זינען דווקא דאָס ייִדיש ניט־לאַנד. מע מוז לעבן אויף דער ערד, אמת; אָבער אין גאַנצן ערדיש זײַן איז אויך ניט געזונט. דאָס וואָס כ׳וועל זיך קעגנשטעלן קעגן דער אַסאָסיאַציע פֿון לאַנד, פֿאָלק, און שפּראַך שטימט מיט דעם וואָס דער טעמאַטיק פֿון גלות האַלט אַ בכּבֿודיקן, אַפֿילו עיקרדיקן, פּלאַץ אין דער פּאָסטמאָדערנער דמיון־וועלט. אַזוי, למשל, שרײַבן די רעדאַקטאָרן פֿון אַ נײַער וויסנשאַפֿטלעכער אויסגאַבע: „הײַנט דאַכט זיך עפּעס אַז גלות איז דער כּלל. גלותן פֿאַלן אַרײַן אין אַ פֿאָרעם פֿון מענטשלעכער באַוועגונג און אומסטאַבילקייט, און אַנטקעגן זיי ווײַזן זיך געאָגראַפֿישע און טערטיטאָריאַלע זיכערקייטן ווי אַלץ מער ברעכעוודיק".[23] דאָס וואָס מע האָט פֿריער באַטראַכט פֿאַר אַן אויסנאַם־שטריך בײַ ייִדן ווערט אַלץ מער באַטראַכט ווי אַ מענטשלעכע נאָרמע, און דאָס אין הומאַניסטיק בכלל ווי אין דער געשיכטע גופֿא. אַזוי, אַ שטייגער, איז וויכטיק אין זשאַק דערידאַס שרײַבן דאָס וואָרט trace. ס׳פּאַסט צו טײַטשן דאָס וואָרט ווי „זכר". דערידאַ וויל מיט דעם באַטאָנען עפּעס ענלעכס צום אויבן־דערמאָנטן אויסגעמעקסט־וואָס־מע־זעט־נאָך־אַלץ. דער זכר איז דאָס וואָס דויערט פֿון אַ יש וואָס ווערט פֿאַרגעסן. עס לאָזט ניט „ווײַטער" שאַפֿן פֿון זיך אַ פֿאַלשע, באַנײַטע גאַנצקייט, נאָר פֿון דער אַנדערער זײַט איז עס גענוג שטאַרק, גענוג דאָיִק, עס זאָל קענען דעסטאַביליזירן דאָס פּאָזיטיווע טראַכן פֿון אַ הײַנט־מאָרגן וואָס וויל זיך מאַכן אומבאַוווּסטזיניק. ס׳איז ניט צופֿעליק, דאַכט זיך, אַז דער ייִד פֿון אַלדזשעריע איז געוואָרן דער פֿראַנצייזישער פֿילאָזאָף פֿון trace, פֿון זכר. דאָס ייִדישע לעבן־מיט־אַבֿידה, דער ייִדישער אופֿן פֿון זײַן בײַ זיך אין דער פֿרעמד, איז אַ מוסטער פֿאַר נאָך־מלחמהדיקן, נאָך־חורבנדיקן שרײַבן און דענקען.[24]

נאָר אויב דאָס ייִדישע ווערט אַזוי לײַכט פֿאַראַלוועלטלעכט מיט פּאָסטמאָדערנעם כּישוף, איז וואָס בלײַבט אין דעם טאַקע ייִדישלעך?

לאָמיר ניט אַוועקמעקן דעם פֿראַגע־צייכן.

לאָמיר בעסער זיך קלײַבן אַרום אים. און לאָמיר נאָך פֿרעגן ווײַטער.

*Reprinted with permission from the University of Chicago Press. Originally published in Thinking in Jewish (University of Chicago Press, 1996), pages 183–200.*

[22] Sander Gilman, *Jewish Self-Hatred: Anti--Semitism and the Hidden Language of the Jews* (Baltimore: Johns Hopkins University Press, 1986).

[23] "Editors' Comment," *Public Culture* 2, no. 1 (Fall 1989): i.

[24] Maurice Blanchot, *The Writing of the Disaster* (Lincoln: University of Nebraska Press, 1986).